בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג
ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com

# ובכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים
פרשת ויצא תשפ"ה שנה י | גליון מס' 559

## פניני אמונים

### פנינים בעניני תפילה פון די וואכעדיגע פרשה

### די מקום פאר די תפילה - דארף זיין א הייליג ארט

**"וַיֵּצֵא יַעֲקֹב מִבְּאֵר שָׁבַע וַיֵּלֶךְ חָרָנָה: וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם וַיָּלֶן שָׁם כִּי בָא הַשֶּׁמֶשׁ"** (כח י-יא)

אן אמעריקאנער קהילה האט אמאל געשיקט א שאלה צום טשעבינער רב דער בעל דובב מישרים זצ"ל.

די שאלה איז געווען צי מען מעג דאווענען אין אן ארט וואו עס איז א מקום פון הוללות ושכרות און פריצות.

די יעניגע שול איז געווען צו קליין צו קענען ענטהאלטן איר ציבור און ווען עס איז געקומען צוגיין די הייליגע טעג האבן זיי געמוזט ארויסדינגען א שול.

זוכנדיג פאר א גרעסערע ארט האבן זיי זעענדיג אז אין די שכינות איז דא א גרויסע זאל געטראכט עס צו דינגען אבער אזוי ווי די ארט איז געווען א פריצות'דיגע ארט האבן זיי אנגעפרעגט דעם טשעבינער רב וואס ער זאגט דערצו.

דער טשעבינער רב האט זיי געשריבן אז מען מעג נישט דאווענען אין איר אויספירנדיג אז ווי אזוי קען מען האבן אזא הוא אמינא. מיר ווייסן דאך אז חז"ל זאגן דאך (ברכות נט א): "אין קטיגור נעשה סניגור און ווי אזוי קען עולה זיין על הדעת אז פון אזא ארט זאל מען פועל'ן א גוט יאר.

אין די תשובה איז ער מאריך אז א מקום האט א גרויסער כח, עס פועל'ט אז די תפילות זאלן נתקבל ווערן אין איר און ער בויט זיך אויף די ווערטער פון די שאילתות אין די וואכענדיגע פרשה [ויצא שאילתא כב] וועלכע ברענגט אראפ די ווערטער פון די גמרא (חולין צא ב) אז נאך דעם וואס יעקב אבינו איז אנגעקומען קיין חרן און געזען אז ער איז אריבער דער הר המוריה און נישט געדאווענט אין איר האט ער געזאגט: "אפשר עברתי על מקום שהתפללו אבותי, ואני לא התפללתי?" און זיך צוריקגעקערט צו איר.

דאס ווייזט אז דער מקום האט א שטארקער און א באדייפולער כח - ווייל א מקום קבוע ברענגט א קדושה און איז מסוגל פאר קבלת התפילה.

דער גאון פירט אויס מיט די ווערטער פון חז"ל אויפ'ן פסוק "ויפגע במקום" אז דער ארט האט געטאנצן צו אים ווייל ווען יעקב אבינו האט געוואלט צוריקגיין איז דער ארט געטאנצן צו אים - ער האט געהאט קפיצת הדרך.

פון דעם אז ער האט געהאט 'קפיצת הדרך' זעט מען די חשיבות וואס עס איז דא צו דאווענען אין א געוויסער ארט.

קובץ 'ישורון' כרך יג עמ' ער

## פתחו שערים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### צוויי מאל 'אמן'

מערערע מאל וועלן מיר אין די שפאלטענעס פון דעם גליון אראפברענגען רמזים און גימטריאות פון 'אמן'.

די רמזים וועלכע מיר ברענגען אראפ בשם ספרי קודש און אויך אייגענע געדאנקען וועלכע זענען נוגע אהער.

אין די קומענדיגע שורות וועלן מיר זיך באציען צו איין באקאנטע גימטריא וועלכע איז שוין דערמאנט געווארן דא, אז דער ווארט 'יעקב' באטרעפט די זעלבע צאל ווי צוויי מאל 'אמן'.

אז מען קוקט זיך אום אין חז"ל און אויך אין תנ"ך זעט מען אז דער דערמאנען צוויי מאל 'אמן' האט א גרויסע חשיבות אין די תורה הק'. דער נביא נחמיה [ח.ו.] שרייבט: "ויענו כל העם אמן אמן", אויך דוד המלך פארענדיגט די ערשטע דריי ספרים פון תהלים מיט די ווערטער "אמן ואמן" (מא יד; עב יט; פט נג).

א דאפעלטער אמן האט א חשיבות אבער וואס איז איר חשיבות? עס לאזט זיך זאגן אז דאס איז מרמז אז א חשובער 'אמן' ווערט געמאכט בשותפות, צווישן צוויי אידן וואס, דער וואס מאכט די ברכה און צווישן דער וואס איז משלים די ברכה - מיט'ן ענטפערן אמן.

א ראיה צו דעם טרעפט מען אין די ווערטער פון דער זוה"ק אין די וואכענדיגע פרשה.

דער זוה"ק [קס.א] שרייבט ווי פאלגענד:"כל רזין דברכאן הכא איהו - חד לברכא ותרין לאתבא" - אז דער סוד פון א ברכה איז אז איינער מאכט א ברכה און צוויי ענטפערן אמן. דער זוה"ק ברענגט אראפ צו דעם א סמך פון פסוק. אין פסוק שטייט (דברים לב ג): "כי שם ה' אקרא הבו גדל לא-להינו". ער דרשנ'ט דעם פסוק זאגנדיג: "כי שם ה' אקרא" - מיט א ברכה זאל עס זיין אין א וועג פון - "הבו גדל לאלקינו" - אז מען זאל עס מאכן בלשון רבים ווייל "הבו" איז א לשון רבים.

פון דעם זוה"ק זען מיר אז עס איז דא א שטארקער הידור אז די ברכות זאלן געזאגט ווערן פון דריי, איינער וואס מאכט די ברכה, צוויי אנדערע וואס ענטפערן אויף איר אמן.

עס קען זיין אז דאס איז דער רמז אין דער דאפעלטער לשון פון 'אמן ואמן'.

עס איז מרמז אז עס זאל זיין וואס ענטפערן אמן.

איך האב אינזינען געהאט אז עס קען זיין א רמז צו די ווערטער פון זוה"ק. אז מען רעכענט אויס די גימטריא פון די צוויי ווערטער "הבו גדול לאלקינו' קומט אויס אז עס באטרעפט כמנין צוויי מאל 'אמן'.

מיר וועלן מקפיד זיין צו ענטפערן 'אמן' אויף די ברכה אז די ברכה זאל זיין בשלימות. אז מיר וועלן זוכה זיין אז צוויי אידן וועלן נאך ענטפערן אמן וועלן מיר זוכה צו א דאפעלטע ברכה.

**מיט א קריאה פון 'הבו גדול לאלקינו'**

**שבת שלום ומבורך**

*יעקב דוד מארמערשטיין*

# — די תפילה האט מציל געווען ממות לחיים —

די שקדנות און די התמדה פון דער אכצן יעריגע גבריאל אין די שטאט לאמזשע איז געווען א שם דבר.

פון די פריע פארטאגס שעה'ן ביז די שפעטע נאכט שעה'ן איז ער געזעסן און געהארוועט אין תורה.

נישט אזא גרינגע יוגענט האט גבריאל געהאט. נאך זייענדיג א יונג קינד זענען זיינע עלטערן נסתלק געווארן פון די וועלט און ער איז ערצויגן געווארן ביי זיין פעטער אין שטוב, אבער די

פלוצלונג, אן קיין פריערדיגע ווארענונג, האט זיך א באן אפגעשטעלט פארענט פון די רייזענדער. די טירן האבן זיך געעפענט און טויזנטער האבן זיך ארויפגעשטופט אויף איר.


איבערלייבעניש פון אידישע מצבות אין די שטאט לאמזשע

איבערגאנג האט נישט משפיע געווען אויף זיין התמדה, מיט אן אויסטערלישע פלייסיגקייט האט ער ממשיך געווען צו לערנען און צו הארעווען על התורה ועל העבודה.

די שטאט לאמזשע איז בימים ההם געווען א טייל פון פוילן. ווען די צווייטע וועלט קריג האט אויסגעבראכן אין י"ז אלול תרצ"ט איז די שטאט געווען אונטער פוילישע הענט און נאך דעם וואס די דייטשן האבן ארייננמארשירט אין איר - האבן זיך גלייך אנגעהויבן די ביטערע רציחות ל"ע.

די אידן אין שטאט הערנדיג די שמועות אז די דייטשן דערנענטערן זיך האבן געהויבן הענט און פוס. ווער עס האט געקענט לויפן איז געלאפן. אויך די משפחה פון גבריאל איז אנטלאפן פון לאמזשע צו די שטאט בראנאוויטש.

הארט פאר די קריג אויסברוך האט דייטשלאנד געשלאסן א פאקט מיט רוסלאנד. די פאקט וועלכע איז געווען בארימט אלץ די 'מאלטאוו ריבענטראפ' אפמאך האט געשאנקען די מזרח טייל פון פוילן פאר די רוסן, אסאך שטעט זענען אריינגעפאלן אין די רוסישע שליטה, צווישן זיי אויך די שטאט בראנאוויטש.

א שטארקע דיעלעמע האבן די אידן געהאט. אונטער די דייטשע רשעים איז דאס לעבן געווען מסוכן אבער אונטער די רוסישע רשעים איז די רוחניות פון א איד געווען איינגעשטעלט. די רוסישע רשעים האבן געפייניגט די אידן און זיי ארעסטירט נישט צולאזנדיג מען זאל לערנען און דאווענען און פראקטצירן אידישקייט.

אנקומענדיג קיין בראנוויטש האט גבריאל מיט זיינע חברים געמאכט א פעסטער באשלוס. אין קיין שום פאל וועלן זיי זיך נישט בייגן פאר די רוסן נאר ממשיך זיין צו לערנען מיט התמדה רבה.

מיט גרויס מסירות נפש און עקשנות דקדושה האט גבריאל מיט זיינע חברים געהאלטן ווארט. מיט אן אויסטערלישע פלייסיגקייט האבן זיי ממשיך געווען צו לערנען תורה מיט גרויס התמדה, אויך ווען די רוסישע האבן זיי געסטראשעט און באדראאעט מיט די סאמע ערגסטע דראאונגען.

אין יאר תש"ב האבן זיך זאכן געטוישט. די דייטשע מיליטער האט פארראטן די רוסן און זיי אטאקירט. זיי האבן געלאזט אין וועג א בליץ קריג און א סכנה האט געהאנגען אויף די אידן אין די שטאט בראנאוויטש.

אין ראם פון זייער בליץ קריג האבן די דייטשן ימש"ו באמבאדירט די שטעט וועלכע זענען געווען אונטער רוסישע הערשאפט. אויך די שטאט בראנאוויטש איז געווארן העפטיג באמבאדירט און הונדערטע זענען געפאלן אין די באמבעס.

א שרעקעדיגע בהלה האט אויסגעבראכן אין די שטאט. יעדער וואס האט געהאט הענט און פוס איז אנטלאפן. מען איז געלאפן אבער וואו לויפט מען? די איינציגסטע אויסוועג איז געווען אריינצולויפן טיפער אין רוסלאנד.

א שמועה איז ארום אין די שטאט אז די רוסן גרייטן זיך צו באמבאדירן די באן שינעס אין בראנוויטש אז די דייטשע טאנקען זאלן איר נישט קענען נוצן אנצוקומען גרינגערהייט קיין רוסלאנד.

יענער טאג האט אויך גבריאל געהערט איבער די שמועות און געוואלט אנטלויפן פון די שטאט. א גוטער ידיד מיטוועמען ער האט געוויילט אינאיינעם און מיטוועמען ער פלעגט לערנען האט אים אויפגעוועקט אונטעריאגענדיג אז ער זאל יעצט לויפן צום באן און כאפן די ערשטע רייזע קיין רוסלאנד.

"פיקוח נפש". האט דער חבר געשריגן ווען ער איילט אים אונטער אז ער זאל קומען שנעל - וויל די צייט ברענט.

די צייט האט געברענט אבער גבריאל האט זיך גע'עקשנ'ט אז ער וויל ערשט דאווענען שחרית.

"וועסט דאווענען אויפ'ן באן....". האט אים זיין חבר גע'עצה'ט.

"די באנען וועלן זיין געדרוקט, טויזנטער וועלן זיין אויף איר, מען וועט נישט קענען דאווענען אין איר מיט א רואיגקייט".

אן אינערליכער געפיל האט געדונערט אין גבריאל, עס האט אים צוגעשטופט צו טון די שריט, געבנדיג דעם געפיל אז דאס וועט אים מציל זיין.

מיט א ברען האט ער זיך געשטעלט דאווענען, ער האט געלייגט תפילין און נאכ'ן דאווענען מיט א ברען האבן זיי זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג.

זיין חבר האט אים נישט אויסגעווארט און געלאפן פאראויס און געכאפט די לעצטע באן, ווען גבריאל איז אנגעקומען האט ער געזען אז ער האט געשפעטיגט, די באן איז שוין אוועקגעפארן, טויזנטער זענען געשטאנען אין די סטאנציע מיט פארקלאפטע הענט באוויינענדיג זייער ביטער גורל.

א לענגערע צייט האט מען געווארט דארט אפשר וועט עפעס אונטערקומען.

פלוצלונג, אן קיין פריערדיגע ווארענונג, האט זיך א באן אפגעשטעלט פארענט פון די רייזענדער. די טירן האבן זיך געעפענט און טויזנטער האבן זיך ארויפגעשטופט אויף איר.

זיצנדיג אויפ'ן באן האט גבריאל געדאנקט הקב"ה אז ער האט אים מזמין געווען א באן אויך נאך דעם וואס דער ערשטער באן איז אוועקגעפארן.

נאר שעה'ן שפעטער האט ער זיך דערוואוסט די גרויסע נס, די ערשטע באן האט טאקע פארלאזט די שטאט אין צייט אבער אונטערוועגענס איז זי באמבאדירט געווארן דורך די דייטשע ימש"ו, די רייזענדער זענען אריינגעפאלן אין וואסער, אסאך פון זיי זענען געשטארבן אויפ'ן ארט, בלויז געציילטע פון זיי האבן איבערגעלעבט.

אדאנק די עקשנות צו בלייבן דאווענען איז גבריאל ניצול געווארן ממות לחיים.

די קומענדיגע יארן האט גבריאל געוויילט אין רוסלאנד, נאר נאכ'ן קריג האט ער מצליח געווען זיך ארויסצוזען פון איר.

א מנהג האט ער זיך געמאכט אז יאר יערליך אין דעם טאג וואס ער איז ניצול געווארן, פלעגט ער צוזאמענרופן זיין משפחה און זיי דערציילן דעם גרויסן נס און ווי אזוי אז אין זכות פון מקפיד זיין אויף תפילה איז ער ניצול געווארן פון א מיתה משונה און זוכה געווען אויפצושטעלן ערליכע דורות.

'מוסף שב"ק' בהעלותך תשנ"ח עמ' 10

## — דער דין פון מפסיק זיין פאר אן אמן ביי קריאת שמע און די ברכות —

**א. דער וואס הערט קדיש ווען ער האלט אינמיטן קריאת שמע און די ברכות זאל ענטפערן 'אמן' און "אמן, יהא שמיה רבא"[1], און די אמן נאך "דאמירן בעלמא", אפילו אז ער האלט אינמיטן א פרק[2]. עס איז דא וואס זאגן אז מען מעג אויך זאגן אמן אויף די אמן פון "יתגדל ויתקדש שמיה רבה"[3], און עס איז דא וואס זאגן אז מען זאל ענטפערן אלע אמנים ביז "דאמרן בעלמא"[4]. אבער די אמן נאך די בקשות וואס מען זאגט פון "דאמירן בעלמא" זאל מען נישט זאגן אפילו אז ער שטייט בין הפרקים[5].**

1. דער 'משנה ברורה' (נו ט) פסק'נט אז אויך די וואס פירן צו ענטפערן און זאגן ביז "יתברך" זאלן שטייענדיג אינמיטן קריאת שמע און די ברכות ענטפערן נאר ביז נאך "עלמיא". דער שו"ע הרב (סו ה) פסק'נט ווי דער 'מגן אברהם' (שם ו) אז מען קען יא ענטפערן ביז "יתברך", די זעלבע פסקנ'ט אויך דער 'דרך החיים' (דיני קר"ש וברכותיה ה). דאגעגן דער 'בן איש חי' (פרשת שמות סעיף ו)און דער 'כף החיים' (סו יז) שרייבט אז די וואס פירן זיך ווי דער אר"י ממשיך צו זיין ביז "דאמירן בעלמא" זאלן זיך פירן אזוי אויך ווען זיי שטיין ביי קריאת שמע און די ברכות, אויך אינמיטן די פרק אבער אין שו"ת 'יביע אומר' (ח"ט סי' קח אות מ) שרייבט ער אז נאר בין הפרקים זאל מען ענטפערן ביז "דאמירן בעלמא" אבער אינמיטן די פרק זאל מען ענטפערן ביז "יתברך".

2. אויף די ווערטער פון 'שלחן ערוך' (סו ג) שרייבט ער אז מען זאל מפסיק זיין אויך אינמיטן קריאת שמע און די ברכות צו ענטפערן נאך שרייבט דער 'משנה ברורה' (שם יז): אז דאס איז פאר 'אמן יהא שמיה רבה' ביז 'עלמיא'... און ער זאל ענטפערן אמן נאך 'דאמירן בעלמא' אבער אויף 'תתקבל', 'יהא שלמא', 'עושה שלום' - זאל ער נישט ענטפערן אמן ווייל זיי זענען נאר א מנהג. עס איז משמע פון זיינע ווערטער אז לגבי עניית אמן נאך "יתגדל ויתקדש שמיה רבה" איז מען נישט מפסיק אויך נישט בין הפקרים. אזוי אויף די שיטה פון דער בעל 'שונה הלכות' (שם ב). אויך פון די 'משנה ברורה איז משמע אזוי אז ער שרייבט ווי פאלגענד (נו יב): "אחר 'יתגדל ויתקדש שמיה רבה' המנהג לענות אמן" פון דעם אז ער שרייבט אז עס איז נאר א מנהג און אז איר דין איז ווי אן אמן נאך די בקשות ביי סיום הקדיש - זעה מער דערוועגן אין די קומענדיגע הערה.

3. אין שו"ת 'דבר יהושע' (ח"ב סי' ח) ברענגט ער אראפ בשם דער יעב"ץ (סידור 'עמודי שמים', בהלכות שלפני ברכת יוצר אור) אז ווער עס שטייט אינמיטן קריאת שמע זאל ענטפערן אמן אויך נאך "יתגדל ויתקדש שמיה רבה". ער צייכענט צו אז פון די 'משנה ברורה' וועלכע מיר האבן פריער אראפגעברענגט איז נישט דא קיין הכרעה ווייל ער ציילט נישט די 'אמן' נאך "יתגדל ויתקדש שמיה רבה" נישט אנהייב פון זיינע ווערטער ווען ער ציילט די אמנים וואס מען ענטפערט ביי קריאת שמע און נישט ביי סוף פון זיינע ווערטער וואו ער רעכענט אויס די אמנים וואס מען ענטפערט נישט בין הפרקים. נאך איז ער מבאר אז מען קען נישט מדמה זיין די אמן נאך "שמיה רבה" צו די עניית אמן נאך די בקשות נאך קדיש אפילו אז עס איז נאר א מנהג, ווייל אפילו אז איך זאל זאגן אז די בקשות ביי סוף פון דער קדיש איז א מנהג איז אבער דער "יתגדל ויתקדש שמיה רבה" א חלק פון דער עיקר קדיש און נאר דער עניית אמן איז א מנהג. לויט אים שטייט אויך אזוי אין משנה ברורה און דאס האט דער משנה ברורה געמיינט שרייבנדיג אז אויף 'תתקבל', 'יהא שלמא', 'עושה שלום' - זאל ער נישט ענטפערן קיין אמן - ווייל עס איז נאר א מנהג וכלשונו כי אינו אלא מנהג". אזוי שרייבט אויך דער 'מחצית השקל' (סו ו).

4. דער 'בן איש חי' (שם) און דער 'כף החיים' (שם כג) שרייבן אז לויט דער הייליגער אר"י ז"ל דארף מען ענטפערן ביי יעדע קדיש פון "יתגדל" ביז "דאמירן בעלמא" פינף אמנים און אז מען דארף מפסיק זיין צו דעם אויף דעם אויך אינמיטן א פרק.

5. דער 'משנה ברורה' (דארט). דער 'בן איש חי' (פרשת ויגש סעיף ט) זאגט אז מיט דעם אלעם זאל מען עס טראכטן אין הארץ.



# רזי אמונים

## רמזים פון די מאה ברכות און פון אמן אין די וואכענדיגע פרשה

### אין די פון מאה ברכות

"וַיֵּצֵא יַעֲקֹב מִבְּאֵר שָׁבַע וַיֵּלֶךְ חָרָנָה" (כח י)

דער 'חתם סופר' שרייבט אז דער סופי התיבות פון די פסוק איז: "ארבע כה". **רבי ישכר שלמה טייכטאל**, דער בעל ה'משנה שכיר' זאגט אז פיר מאל "כה" באטרעפט הונדערט. דאס איז א רמז אז יעקב אבינו איז ארויס אויפ'ן וועג מיט'ן כח פון מאה ברכות, ווייל מיט די כח פון מאה ברכות איז מען מכניע די כוחות הטומאה, אז זיי זאלן נישט קענען מזיק זיין דעם מענטש און דאס האט געהאלפן פאר יעקב מכניע צו זיין די כוחות הטומאה ווען ער איז אנטלאפן פון עשו הרשע.

'משנה שכיר'

### יעקב האט געמאכט א נדר צו מאכן מאה ברכות

"וְהָאֶבֶן הַזֹּאת אֲשֶׁר שַׂמְתִּי מַצֵּבָה יִהְיֶה בֵּית אֱלֹקִים וְכֹל אֲשֶׁר תִּתֶּן לִי עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ לָךְ" (כח לב)

עס קען זיין אז דער נדר פון יעקב איז געווען צו מאכן מאה ברכות און מיט דעם צו דאנקן הקב"ה אויף אלע טוב. דאס איז מרומז אין דער "עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ" ווייל צען מאל צען איז הונדערט.

'אמרי ברוך' [לרבי ברוך אברהם טולידנו]

### ליוסף התגלה סוד האמן

"אָנֹכִי הָאֵ-ל בֵּית אֵל אֲשֶׁר מָשַׁחְתָּ שָּׁם מַצֵּבָה אֲשֶׁר נָדַרְתָּ לִּי שָׁם נֶדֶר עַתָּה קוּם צֵא מִן הָאָרֶץ הַזֹּאת וְשׁוּב אֶל אֶרֶץ מוֹלַדְתֶּךָ" (לא יג)

דער 'מגלה עמוקות' שרייבט (אנהייב פרשת וישב): אז יוסף איז דער שומר פון די שערים און די שערים ווערן געעפענט אין זכות פון אמן ווי חז"ל דרשנ'ען (שבת קיט ב) פון דער פסוק (ישעיה כו ב): 'פִּתְחוּ שְׁעָרִים וְיָבֹא גוֹי צַדִּיק שֹׁמֵר אֱמֻנִים'.

דער סוד איז אויך מרומז אין דער פסוק (בראשית לז ג): "וישראל אהב את יוסף מכל בניו כי בן זקנים הוא לו"; ווייל דער סופי תיבות פון די ווערטער "בן זקנים הוא" -איז אמן.

וועגן דעם איז יעקב אבינו געווען 91 יאר כמניין 'אמן' ווען הקב"ה האט אים געזאגט: "קוּם צֵ"א מִן הָאָרֶץ הַזֹּאת" און אין יענער יאר האט רחל געבוירן יוסף און יעקב האט אים מגלה געווען דער סוד פון אמ"ן ווייל דאס איז דער שער השמים...".

### א תפילה קצרה –איז מקצר ימים

"אִם יִהְיֶה אֱלֹקִים עִמָּדִי וּשְׁמָרַנִי בַּדֶּרֶךְ הַזֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי הוֹלֵךְ" (כח כ)

**דער קרעטשניפער רבי רבי אליעזר זאב האט געזאגט:**

חז"ל זאגן (ברכות יג ב): "כל המאריך ב'אחד' [שבקריאת שמע] - מאריכין לו ימיו ושנותיו" - אז ווער עס איז מאריך ביי די אחד פון קריאת שמע איז זוכה אז מען איז מאריך זיינע יארן. ענדליך צו דעם זאגן חז"ל (ברכות מז א): "כל המאריך ב'אמן' - מאריכין לו ימיו ושנותיו" - אז ווער עס איז מאריך ביי אמן איז זוכה צו אריכות ימים (ברכות ג א). עס קומט אויס לויט דעם אז ווער עס דאווענט א תפילה קצרה איז נישט זוכה צו די אלע זאכן און חז"ל זאגן אז ווער עס איז אונטערוועגנס זאל דאווענען א תפילה קצרה. עס קומט אויס אז דער וואס איז אויפ'ן דערלייגט די אלע זאכן. דאס איז מרומז אין תהלים (קב כד): "עִנָּה בַדֶּרֶךְ כֹּחִי קִצַּר יָמָי" - אז דער וועג האט גורם געווען א קיצור אין טעג.

'עולמו של אבא' עמ' תלז

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



### רבי חיים נפתלי הערץ זליבנסקי

### ז' בכסלו תשנ"ה

דער גאון רבי חיים נפתלי הערץ זעליבינסקי איז געבוירן געווארן אין יאר תרצ"ט אין די שטאט תל אביב צו זיין פאטער רבי מרדכי פון ביאליסטאק. שוין פון קינדווייז אן איז ער נתפרסם געווארן מיט זיין התמדה און שקידה בתורה און מיט זיינע זעלטענע כשרונות. אין די בחורישע יארן האט ער געלערנט אין די ישיבה 'באר יעקב' און דארט האט ער קונה געווען תורה פון זיינע גרויסע רבי'ס און פון דער ראש הישיבה רבי משה שמואל שפירא און דער משגיח רבי שלמה וולבה זצ"ל. פון דארט איז ער אריבער צו לערנען אין די בריסקער ישיבה ביי רבי יוסף דוב סאלאווייטשיק זצ"ל.

אין יאר תשל"ו האט ער געעפענט די 'מאור התלמוד' ישיבה אין די אומגעגענט פון בית וגן אין ירושלים עיה"ק. צוויי יאר שפעטער האט ער געעפענט די ישיבה אין די שטאט רחובות צוזאמען מיט דער רב העיר רבי שמחה הכהן קוק זצ"ל און יבדל לחיים טובים זיין ברודער רבי אברהם יצחק הכהן קוק ווער עס דינט היינט אלץ דער ראש הישיבה פון די ישיבה.

פאר לאנגע יארן האט רבי חיים מרביץ תורה געווען פאר זיינע תלמידים. זיינע שיעורים און אויך זיינע שיחות זענען געווען פול מיט עמקות, ער איז געווען איבערגעגעבן פאר זיינע תלמידים בלב ובנפש.

אין אלול תשנ"א איז ער קראנק געווארן מיט א שווערע מחלה, ער האט זיך געמוטשעט מיט איר לאנגע יארן. מיט דעם אלעם האט ער ממשיך געווען מרביץ תורה צו זיין און איבערגעגעבן שיעורים אין די ישיבה ביז צו זיין פטירה אין שבת קודש פרשת ויצא תשנ"ה.

### דורך וואס מען ענטפערט אמן איז מען מנחיל די אמונה מדור לדור

אין איינער פון די שמועסן האט רבי חיים נפתלי הערץ זעליבינסקי ארומגערעדט איבער די חשיבות פון ענטפערן אמן און ווי וויכטיג עס איז מחנך צו זיין די קינדער און ווי אזוי דורך דעם גייט די אמונה אריבער ביי א איד פון דור צו דור.

פאלגענד איז א ציטירונג פון זיינע ווערטער: עס איז דער תפקיד פון יעדן איד צו זיין דבוק באמונה זיין גאנצער לעבן ווי דער פסוק זאגט (חבקוק ב ד): "וצדיק באמונתו יחיה". צו אמונה קומט מען נישט אן פון זיך אליין - מען דארף ארבעטן אויף איר און טון מעשים איר צו עררייכן און צווישן די מעשים איז דער קפידא צו ענטפערן אמן כהלכה.

דורך וואס מען ענטפערט אמן איז מען זוכה צו אמונה און מען איז אויך מנחיל די אמונה פאר די קומענדיגע דורות. מהאי טעמא האבן די חכמים געהייסן אז מען זאל לערנען מיט די קליינע קינדער וואס האבן קוים אנגעהויבן רעדן אז זיי זאלן ענטפערן אמן ווי דער רמ"א פסקנ'ט (או"ח קכד ז): "וילמד בניו הקטנים שיענו אמן, כי מיד שהתינוק עונה אמן יש לו חלק לעולם הבא".

ווען קינדער געוואוינען זיך איין נאך פון קליינווייז אן צו ענטפערן אמן נאך א ברכה וועט די הנהגה בלייבן ביי זיי אויף זייער גאנצער לעבן.

די חוב פון חינוך פאר די קליינע קינדער ליגט אין די הענט פון די מאמע, ווייל זי ווילט געווענליך נעבן די קינדער אגאנצן טאג און דאס איז מרומז אין דער פסוק אין משלי [א.ח]:"ואל תטש תורת אמך" ('נוטרי אמן' ח"א עמ' מ).